# צום פינטל

גליון כג
שביעי של פסח תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## מועדים

**שביעי של פסח - מצוה דאורייתא לאכול מצה כל שבעה**

### שיטת הגר"א

ס'איז באקאנט די דעת הגר"א וועגן עסן מצה אלע זיבען טעג, אז די גר"א האלט אז ס'איז א מצוה דאורייתא, די ערשטע טאג איז א 'חיוב' ממש ווייל ס'שטייט 'בערב תאכלו מצות', און די אנדערע טעג איז נישט קיין חיוב אבער ס'איז א 'מצוה קיומית' ווייל ס'שטייט 'שבעת ימים תאכל מצות' (מובא במשנה ברורה).

די אחרונים פלאגן זיך אביסל מגדיר צו זיין די דרגא פון די דאזיגע מצוה, ווייל געווענטליך א 'מצוה קיומית' מאכט מען א ברכה, אזוי ווי שחיטה וכדומה, איז פארוואס לויטן גר"א, אויב איז עס טאקע א 'מצוה קיומית', איז פארוואס זאל מען נישט מאכן א ברכה אויף 'מצה' א גאנץ יום טוב.

איינער פון די נעמען פון יום טוב, איז 'חג המצות', איז לפי די גר"א פארשטייט מען גוט דעם נאמען, ווייל די גאנצע יום טוב האט טאקע א שייכות צו די 'מצה', נישט נאר די ערשטע נאכט. אבער לויט די אנדערע, דארף מען אביסל פארשטיין, די מצוה פון 'מצה' איז דאך נאר די ערשטע נאכט, איז פארוואס רופט די תורה אהן די גאנצע זיבען טעג 'חג המצות'.

ונראה לומר ביסוד מצוות מצה א גאנץ יום טוב, אז פון דעם וואס די תורה האט גע'אסר'ט 'חמץ' א גאנץ יום טוב, פון דעם דערהערט מען אויך אז ס'איז א מצוה צו עסן 'מצה', ס'איז טאקע נישט א מצוה ממש (חוץ לילה הראשון) ווייל ס'איז שייך צו עסן זאכן וואס זענען נישט חמץ און נישט מצה, אבער היות די עיקר עסן פונעם מענטש איז לחם, על הלחם יחיה האדם, איז ווען די תורה האט גע'אסר'ט די 'לחם חמץ', ליגט אין דעם בעומק אז מ'זאל עסן מצה, דאס איז די נאטורליכע צורה, צו עסן מצה אנשטאט די חמץ.

און ווען א יוד בייסט אריין אין די

**און ס'איז יתכן אז דאס איז אויך די עומק המצוה לפי די גר"א, ס'איז נישט קיין מצוה ממש צו עסן 'מצה', אבער ס'איז די רצון התורה אז די מצה זאל זיין אנשטאט די חמץ, און מ'מאכט נישט קיין ברכה דערויף אפילו לויטן גר"א, ווייל ס'איז נישט ממש א מצוה, ס'איז נאר אזא רשות'דיגע מצוה, א מצוה פון אפשאצען די תורה'דיגע קוק אז די 'מצה' זאל זיין אנשטאט די 'חמץ'**

מצה איז ער בעומק מקיים מיט דעם די לא תעשה פון 'לא יאכל חמץ', ווייל געווענטליך א גאנץ יאר וואלט ער געלאזט זיין ברויט ווערן חמץ, אזוי ווי געווענטליכע 'לחם' וואס ווערט נאטורליך חמץ, ער האט אבער נישט אזוי געטוהן, ער האט יא אפגעהיטן זיין ברויט פון חימוץ, און די דאזיגע אפגעהיטענע ברויט עסט ער יעצט, ליגט דאך אין די ברויט א קיום אויף דעם 'לא יאכל חמץ', בקום ועשה מיט די אכילת מצה איז ער מקיים א מצוות לא תעשה אז ער עסט נישט דעם געווענטליכע חמץ'דיגע ברויט.

אין דאס איז פשט אז די תורה זאגט 'שבעת ימים תאכל מצות', אז מ'זאל עסן מצה אלע זיבען טעג, און די חז"ל לערנען ארויס אז ס'מיינט נאר א רשות. איז די עומק דערפון איז, אז די תורה מיינט די פשוט'ע צורה פונעם יום טוב פסח אז דיין ברויט זאל זיין 'מצה' אנשטאט חמץ, און אין הכי נמי אויב ער וויל מוז ער בכלל נישט עסן קיין לחם, ער האט א ברירה צו עסן נישט מצה און נישט חמץ, אבער אויב וויל ער עסן לחם דארף די מצה פארנעמען די פלאץ פונעם חמץ. דאס איז די נאטורליכע צורה פון 'חג המצות', צו עסן מצה אנשטאט די חמץ.

און ס'איז יתכן אז דאס איז אויך די עומק המצוה לפי די גר"א, ס'איז נישט קיין מצוה ממש צו עסן 'מצה', אבער ס'איז די רצון התורה אז די מצה זאל זיין אנשטאט די חמץ, און מ'מאכט נישט קיין ברכה דערויף אפילו לויטן גר"א, ווייל ס'איז נישט ממש א מצוה, ס'איז נאר אזא רשות'דיגע מצוה, א מצוה פון אפשאצען די תורה'דיגע קוק אז די 'מצה' זאל זיין אנשטאט די 'חמץ'. אפשאצן די פשוטע צורה פונעם יום טוב, אז פון דעם וואס איך אסר דיך חמץ, מיינט עס צו זאגען אז די ריכטיגע צורה איז יעצט צו עסן 'מצה'.

### די לא תעשה היט אויף די עשה

אויך די לומדים (הגדה בן מלך מאמר ו ענף א) זאגען אזא ענדליכע יסוד, אז די איסור חמץ איז צו מחזק זיין די מצה, און די אלע גאר הארבע איסורים אויף חמץ, איז גאר מחזק צו זיין די מצה, דורעך דעם וואס מ'וועט

המשך בעמוד הבא

זיין גאר שטארק אפגעשיידט פון די חמץ, וועט דאס זיין א שטארקע חיזוק פאר די מצה. און נאכמער אז די איסור חמץ איז כאילו די אנדערע זייט פונעם מצה, די מצוות עשה איז צו עסן מצה, און די לא תעשה איז, נישט צו עסן חמץ, ווייל ווען די עסט חמץ גייסטו אינגאנצן אוועק פון די מצה.

און בעצם אלע 'עשה' און 'לא תעשה' זענען מחזק איינער די אנדערע, צומאל האט זיי די תורה מצווה געווען ממש אין די זעלבע ענין, און צומאל זענען זיי נישט ממש צוזאמען, אבער פונדערווייטנס זענען זיי מחזק איינער די אנדערע, אזוי ווי דא ביי איסור חמץ און און מצוות מצה, וואס זיי זענען נישט אויפן זעלבן נקודה ממש, אבער זיי זענען משלים איינער דעם אנדערען, די תורה איז מזהיר ב'לא תעשה' וכרת אז מ'זאל נישט עסן קיין חמץ, כדי זיך נישט צו דערווייטערן פון די מצה.

אביסל ענדליך צו 'זכור ושמור' שבת, וואס אפילו זיי זענען ביי צוויי אנדערע ענינים, זכור מיינט מאכן קידוש, און 'שמור' איז זיין אפגעהיטן אין 'לא תעשה'ס, אבער זיי זענען זיך זיכער משלים איינער דעם אנדערען, און איינער וואס איז עובר אויף 'שמור' ער טוט א מלאכה שבת ח"ו, ער איז עובר אויף די 'לא תעשה', איז ער זיך מיט דעם אויטאמאטיש מרחיק פונעם 'זכור'. ווייל אפילו די עשה און די לא תעשה זענען אין צוויי אנדערע ענינים, זענען זיי זיך משלים איינער די אנדערע.

און צומאל איז נאך אסאך מער אז מ'איז גאר נישט עובר אויפן עשה נאר מיט'ן עובר זיין אויף די 'לא תעשה', ווי למשל די מצוה פון יראת ה', איינער פון שש מצוות תמידיות, וואס די מצוה פאר זיך איז נאר א 'מצוה קיומית', באמת עובר זיין אויף די מצוה איז נאר אויב מ'איז עובר אויף די 'לא תעשה', אויב מ'איז עובר אויף איינע פון די עבירות שבתורה, וואס דעמאלטס האסטו ממש עוקר געווען די מצוה פון יראת ה'. קומט אויס אז די מצוות עשה איז ממש געבינדען אין די לא תעשה.

אזוי אויך די מצוה ואהבת לרעך כמוך, וואס דאס איז בעיקר א 'מצוה קיומית', עובר זיין אויף דעם איז נאר ווען איך וועל עובר זיין אויך אויף די 'לא תעשה', ווי למשל איך וועל עובר זיין אויך אויף 'לא תשנא', דעמאלטס האסטו עוקר געווען דעם 'ואהבת', אבער ביז דעמאלטס איז מען נישט עובר אויף די מצוות עשה פון 'ואהבת'. זעהט מען ווייטער אז די 'לא תעשה' איז משלים די עשה.

## לא תעשה משלים לעשה

און ס'איז כדאי צו צוציכנען צום באר מים חיים (פרשת בראשית ה' א') אז פאר די חטא אדם הראשון זענען עשה און לא תעשה נישט געווען קיין צוויי דברים נפרדים, נאר אלעס איז געווען צוזאמען ווי איינס, און די שמאל איז געווען נכנע צום ימין, נאר נאכן חטא זענען זיי געווארן אפגעטיילט. אבער ווי געשמועסט זענען זיי נישט קיין צוויי פרעמדע זאכן, זיי זענען משלים איינער דעם צווייטן.

די חז"ל זאגען אז די מצוות עשה זענען אנטקעגען די 'אברים', און די מצוות 'לא תעשה' זענען אנטקעגען די 'גידין', אז אזוי ווי ביי א מענטש איז טאקע די אברים וגידים צוויי עקסטערע זאכן, אבער זיי בויען צוזאמען דעם מענטש, זיי זענען זיך משלים איינער די אנדערע. אזוי אויך די מצוות עשה ולא תעשה, זיי זענען טאקע צוויי עקסטערע זאכן, אבער זיי בויען צוזאמען די קומת המצוות.

יעצט צוריק צו חמץ און מצה, חמץ און מצה זענען אויך אזוי, זיי זענען טאקע צוויי עקסטערע זאכן, אבער צוזאמען בויען זיי די קומה פונעם יום טוב, די קומה פון 'חג המצות', ווייל אויך די איסורי חמץ זענען בעומק משלים צו זיין די מצה, זיי זענען די היפך פונעם מצה, און אויב די ביסט עובר אויף חמץ, ביסטו אוועק געגאנגען פון די מצה ביז צו די אנדערע זייט, ביז צו די חמץ, און דאס איז די עומק המצוה פון עסן מצה א גאנץ יום טוב, ווייל דאס ליגט אין די איסורים פון חמץ וואס זענען דא א גאנץ יום טוב, ווי אויסגעשמועסט פריער.

## כל התורה כולה עשה ולא תעשה

און אויך איז דא א סוגיא אויף דעם וואס די חז"ל זאגען (קידושין לט ע"ב) אז 'כל התורה כולה לא תעשה ועשה', די שלה"ק (תולדות אדם בית חכמה תניינא) איז מאריך אין דעם אזוי ווי רש"י זאגט אין פרשת משפטים 'ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו' לעשות כל מצות עשה באזהרה. אויך דער המקנה דארטן אין קידושין איז מאריך גאר שטארק אין דעם יסוד, אויך אין פנים יפות רעדט ער אסאך ארום פון דעם

על כל פנים ווי אויסגעשמועסט איז דא אין דעם כמה דרגות, ס'איז דא וואס די עשה און לא תעשה זענען ממש אויף די זעלבע זאך, ווי צוויי צדדים פון א מטבע, די יא און די נישט, די חיובי און די שלילי, זענען אין די זעלבע זאך. און צומאל זענען זיי צוויי עקסטערע זאכן, אזוי ווי ביי אונז, די 'מצות עשה' איז אויף די 'מצה', און די 'מצות לא תעשה' איז אויף די 'חמץ', אבער אפילו אזוי זענען זיי משלים איינער דאס אנדערע, אזוי ווי ס'איז געווארן נתבאר.

און מענין לענין איז דא אין דעם נאך כמה סוגיות, ווי למשל די סוגיא פון 'עשה דוחה לא תעשה' וואס די עומק דערפון איז אז די עשה איז די 'תכלית', און די 'לא תעשה' איז פשוט צוצוברענגען צום עשה, צו צוהעלפן צום קיום העשה. צומאל ברענגט עס צו צום עשה דיירעקטערהייט, ווען די 'עשה' און די 'לא תעשה' זענען זיך משלים איינער דעם אנדערען דיירעקט, און צומאל זענען זיי זיך משלים אומדיירעקט, אזוי ווי ביי חמץ און מצה, וואס זיי זענען זיך משלים פון דערוואטנס כמו שנתבאר.

# לומדים את רבי חיים

## די 'ראש ישיבה' פון כלל ישראל

### • הראש ישיבה בה"א הידיעה

כלל ישראל האט זוכה געווען צו אסאך גדולים און ראשי ישיבות, אז מ'וועט אריין טראכטן אין די פריערדיגע דור ווער זענען געווען פון די גרעסערע ראשי ישיבות, די ראש ישיבה בה"א הידועה, איז יתכן אז מ'וועט אנקומען צו הגאון הגדול רבי חיים קניבסקי זצ"ל, וואס זיצענדיג ביי זיך אינדערהיים איז ער געווען די ראש ישיבה פון כלל ישראל.

הגם ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין שום פארקער מיט א ישיבה, ער האט זיך אלץ אפגעזאגט פון א פאסטן, כמצוות אביו עליו אז ער זאל נאר זיצן און לערנען און שרייבן ספרים. אבער ווי טרעפט מען נאך א גרעסערע ראש ישיבה פון דעם, אז אלע בחורים זעהן און פילען וואס ס'מיינט פשוט זיצען און לערנען בהתמדה.

ס'איז באקאנט די שוועריגקייט פון די 'דרך הלימוד' און די ישיבות, אז מ'לויפט גלייך צו די לומדות און די חידושים, ס'איז שוין אסאך געשריבן געווארן דערויף, און די פריערדיגע האבן זיך שוין געבייזערט דערויף, ווי למשל אין אורחות צדיקים שער התורה רעדט זיך שוין אפ אז מ'לויפט גלייך צו 'תוספות' און חידושים, אזוי אויך די מהר"ל אין נתיבות עולם נתיב התורה פרק ה' איז שטארק נישט צופרידען פון דעם.

און די שורש הדבר איז אביסל פון די שיעורים וואס מ'לערנט דאך פאר בעיקר די חידושים, ס'איז א גרעסערע עסק די חידושים ווי די פשוט'ע לערנען, איז אויטאמאטיש ווערט די בחור נמשך אהין. אבער הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי איז געווען א מיוחד'דיגע 'ראש ישיבה' ווייזנדיג פאר די בחורים א לעבעדיגע ביישפיל פון פשוט זיצען און לערנען, נישט זוכן א גאנצע צייט גרויסע חידושים, נאר פשוט זיצן און הארווען א שעה נאך א שעה.

### • די דרך הלימוד אין די ישיבות

ס'איז אינטערסאנט אז אסאך ראשי ישיבות פון איין זייט האבן זיי פארגעלערנט לומדות און חידושים, אבער פון די אנדערע זייט האבן זיי זיך געהאט טענות דערויף, פארוואס מ'לויפט גלייך צו די לומדות, ווי למשל הרב שך זצ"ל וואס שרייבט אסאך איבער די נושא אז מ'זאל קודם קענען גוט די פשוטע סוגיא (עי' מכתבים ל"ט - מ"ז, שפ"ח ש"צ און שצ"א, אזוי איז דא אסאך מאמרים איבער די נושא פון לערנען אסאך בלעטער גמרא), און אזוי איז באקאנט פון אסאך פון די פריערדיגע ראשי ישיבות, וואס ס'האט זיי ווייגעטוהן אז מ'לויפט גלייך צו די חידושים.

און ווי ס'קוקט אויס איז פשוט נישט געווען קיין ברירה אין דעם, טאקע ריכטיג אז ס'איז בעסער אז דער בחור הארוועט פשוט, און ערשט שפעטער גייט ער צו די חידושים, אבער די ישיבה איז דאך אוועקגעשטעלט אויף עפעס מחדש זיין פארן בחור, מוז דאך דער ראש ישיבה פארלערנען שיעורים מיט חידושים און לומדות, און 'ומה יעשה הבן', אויב דער בחור זעהט אז דאס איז די שפיטץ, ער זעהט די חשיבות פון מחדש חידושים, פארשטייט זיך אז ער פאנגט אהן צו לויפן אין די דאזיגע דיירעקשענס דאס צו דערגרייכן.

ס'איז באקאנט די שוועריגקייט פון די 'דרך הלימוד' און די ישיבות, אז מ'לויפט גלייך צו די לומדות און די חידושים, ס'איז שוין אסאך געשריבן געווארן דערויף, און די פריערדיגע האבן זיך שוין געבייזערט דערויף, ווי למשל אין אורחות צדיקים שער התורה רעדט זיך שוין אפ אז מ'לויפט גלייך צו 'תוספות' און חידושים, אזוי אויך די מהר"ל אין נתיבות עולם נתיב התורה פרק ה' איז שטארק נישט צופרידען פון דעם

### • העיקר הוא המעשה

און אויף די ענין וועט נישט העלפן קיין דרשות, פארלאנגענדיג אז מ'דארף לערנען קודם פשוט, ווייל למעשה זעהן די בחורים פארקערט, אפשר אויב די ראש ישיבה אליינס וואלט זיך אראפ געזעצט לערנען מיט די בחורים פשוט, און זיי וואלטן געפילט אז לערנען פשוט איז אויך חשוב, וועט עס קענען ארבעטן, אבער ווי געווענטליך איז דאך די שיעורים געבויט אויף חידושים, איז ממילא דאס איז וואס דער בחור וויל נאכמאכן. ווייל דער עיקר וואס א בחור וויל נאכמאכן, איז נישט וואס ער הערט ביי די דרשות, נאר וואס ער זעהט למעשה, און אויב למעשה זעהט מען די מוראדיגע חשיבות פון די חידושים, איז דאס וואס ער וויל נאמאכן.

משל למה הדבר דומה, צו א קהילה וואס מ'רעדט דארטן גאר שטארק בענין עבודה, אבער אויב למעשה טוט מען דארט מער אין 'לימוד התורה', וועט די בחור ענדערשט לויפן צו לימוד התורה, ווייל דאס וואס מ'טוט למעשה, דאס גייט ער נאך. און די זעלבע זאך איז אין די ישיבות, ווען א בחור זעהט אז די כבוד התורה איז ווען ס'איז דא א גוטע חידוש פון דער ראש ישיבה, וועט ער אויטאמאטיש אוועקלויפן פון לערנען פשוט און וועלן נאכגיין צו מחדש זיין חידושים.

אזוי ווי ווען מ'זעהט א ביזנעסמאן איז מצליח, ער געט ארויס גוטע סחורה און לייזט שיין, דאן וויל

המשך בעמוד האחרון

מען אים נאכמאכן, נאר מ'ווייסט נישט די לאנגע וועג ביז אהין, מ'ווייסט נישט ווי סאך ער האט געטוהן פשוט'ע זאכן ביז ער איז אנגעקומען צו זיין בכבוד'דיגע מצב, איז ווען מ'זעהט אים אין זיין בכבוד'דיגע מצב, כאפט אהן א רייץ צו לויפען גלייך אהין. די זעלבע זאך זעהט מען נישט די הארוואניע פון די ראש ישיבה צו לערנען פשוט מ'זעהט נאר די חידושים, ממילא וויל מען דאס נאכמאכן.

און אפילו ס'וועט זיין גאנצעטע דרשות מיט הסברה אז ס'איז א לאנגע וועג אנצוקומען ביז אהין, וועט עס נישט צו סאך העלפן, ווייל דער בחור ווערט נמשך נאך די חוש הראייה, ענדערשט ווי נאך די חוש השמיעה. אזוי ווי ביי א ביזנעס מאן, אפילו ער וועט פארציילן ווי שטארק ער האט זיך געמוטשעט און אנפאנג, ווי אלעס איז געווען אויף זייער א פשוטע אופן, איז אבער דאס וואס מ'זעהט אסאך שטערקער פון וואס ער פארציילט, און יעדער וועט וועלן נאכלויפן זיין יעצטיגע מצב וואס מ'זעהט פאר די אויגען.

און די זעלבע זאך איז אין די ישיבות, מ'זעהט ווי די ראש ישיבה זאגט מורא'דיגע חידושים, און מ'וויל אים נאכמאכן און מחדש זיין אייגענע חידושים, אבער מ'ווייסט נישט אז די ראש ישיבה האט געמאכט א לאנגע וועג ביזן מצליח זיין. ביי די ביזנעסמאן קען נאך אמאל זיין א אינטערוויו מיט אים, ווי ער דערציילט 'ברחל בתך הקטנה' אלע זיינע שווערעקייטן בהתחלה, אבער ביי די ראשי ישיבה ווייסט מען נישט אלעמאל וויפל הארעוואניע די ראש ישיבה האט אריין געלייגט אין די יונגע יארן.

## • ליגמר והדר ליסבר

איז וויפעל האט כלל ישראל פארדינט זעהנדיג הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי זיצען און לערנען פשוט פשט, שעה נאך שעה, טאג נאך טאג, וואס די דאזיגע דוגמא אישות אויף לערנען פשוט, איז די גרעסטע השפעה פאר די בחורים צו לערנען אויף די ריכטיגע וועג, זיין אויסגעקלארט פשוט אין גמרות אין סוגיות, און נאר נאכדעם אנפאנגען צו מחדש זיין.

ובפרט אז די טבע פון די מענטש איז צו גיין אגאנצע צייט אויף ארויף, איז ממילא ווערט ער מער לייכטער נמשך צו זוכען חידושים, אבער מיטן זעהן אזא גאון זיצן און הארוועןן פשוט, געט דאס אסאך כח נאך צו טוהן, און גיין אויף די גראדע וועג.

אין אינטערסאנט איז אנצומערקן וואס זיי ברענגען בשם דער הייליגע גר"א, אז ביז די פערציג זאל א מענטש לערנען בקיאות, און נאר פון די פערציג און ווייטער זאל מען זיך זעצן לערנען עיון, און דאס מיינט 'ליגמר איניש והדר ליסבר', ליגמר ביז די פערציג, און נאר דערנאך עיון, 'והדר ליסבר'. אויך דער גר"א אין אבן שלמה (ח:) זאגט אז קודם דארף א מענטש זיך אנפילן מיט מקרא משנה ש"ס ופוסקים, און נאר נאכדעם זאל ער עוסק זיין בפלפול חברים.

און מענין לענין ברענגען זיי בשם רבי חיים וולאזינער וואס שרייבט אין כתר ראש (אות מ"ח) אז מ'מעג אביסל אויס לאזן די תוספות'ן, אויך ברענגען זיי אז די חתם סופר האט געשריבן פאר זיין זון, צו לערנען רש"י, אבער די לישנא אחרינא פון רש"י זאל ער אויסלאזן. און פשט פון די אלע הוראות איז, אז קודם דארף מען האבן ידיעות און זיין היימיש אין ווי מער סוגיות, און נאר נאכדעם קען מען מחדש זיין חידושים.

און דאס האט אונז געלערנט דער ראש ישיבה פון כלל ישראל רבי חיים קניבסקי זצ"ל, ווי אזוי צו זיצען און לערנען א בלאט נאך א בלאט, א דוגמא אישית פון די חשיבות פון פשוט זיצען און לערנען. ר' חיים איז טאקע געזעצן אינדערהיים נישט אין ישיבה, אבער ער איז געווען דער ריכטיגע "ראש ישיבה" בה"א הידועה, וואס האט מיט זיין דוגמא אישית אויס געלערנט פאר אלע בחורים די ריכטיגע וועג סובל צו זיין די פשטות, זיצען און לערנען פשוט, און נישט לויפן גלייך צו חידושים און לומדות, און אלע האבן קלאר געזעהן ווי שיין מ'וואקסט אויס אין תורה.

**הגליון לכבוד יו"ט פסח נתנדב**
**ע"י גיסי החשוב**
מוה"ר **שלום חיים רויזנפעלד** שליט"א
*מלמד מומחה בישיבת בית דוד,*
*הידוע בלבו הטוב ובשמחת החיים*
**יזכה לשפע רב ולרוב נחת מבניו ובני בניו, ובשם כל הלומדים מכירים לו טובה על הסיוע בחיזוק בעצה ובמעש בכל עת ועונה, ויתברך ממעון הברכות בכל מילי דמיטב**


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** shalomlangs@gmail.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424